# WIC מיטגלידער רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן

איך האב ערהאלטן אינפארמאציע איבער מיינע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן אלס א WIC מיטגלידער. איך פארשטיי אז איך האב א רעכט:

- *צו באקומען יושר'דיגע און בכבוד'יגע באהאנדלונג פון WIC שטאב און גראסערי געשעפט ארבעטערס.*
- *אז די אינפארמאציע וואס איך האב געגעבן פאר WIC שטאב זאל בלייבן פריוואט. עס וועט נישט ווערן ארויסגעגעבן פאר סיי וועם איסער דעם WIC פראגראם אן מיין ערלויבעניש.*
- *צו ווערן געלערנט וועגן ערנערונג און אינפארמאציע וועגן העלט קעיר און אנדערע הילפבארע סערוויסעס.*
- *צו נוצן סיי וועלכע געשעפט אדער אפטייק אין ניו יארק סטעיט (NYS) וואס איז בארעכטיגט צו אננעמען WIC.*
- *צו באקומען אן עסנווארג פעקל וואס קומט נאך מיינע ערנערונג געברויכן, און די געברויכן פון מיין קינד.*
- *צו פארלאנגן א טויש צו אן אנדערע WIC לאקאלע אגענטור.*
- *צו באקומען שריפטליכע מעלדונג ווען און פארוואס מיין WIC פראגראם בענעפיטן וועלן זיך ענדיגן.*
- *צו בעטן א יושר'דיגע הירינג אויב איך שטים נישט צו צו די באשלוסן איבער מיין בארעכטיגטקייט.*

די אינפארמאציע וואס איך האב געגעבן צו זען אויב איך בין בארעכטיגט פארן WIC פראגראם איז ריכטיג, ווי ווייט איך ווייס. איך פארשטיי אז:

- *די ניו יארק סטעיט W IC פראגראם קען אויטאריזירן צו מיטטיילן מיין WIC אינפארמאציע מיט ספעציפישע געזונט און עדיוקעישאן פראגראמען ווי Medicaid, SNAP, TANF, און די Child Care Assistance פראגראם. אזעלכע אינפארמאציע וועט ווערן גענוצט דורך די סטעיט און לאקאלע WIC אגענטורן און פובליק ארגאניזאציעס נאר אין די אדמיניסטראציע פון זייערע פראגראמען וועלכע סערווירן מענטשן וועלכע זענען בארעכטיגט פאר די WIC פראגראם. די פראגראמען קענען נוצן די אינפארמאציע פאר די פאלגנדע סיבות: צו באשטימען מיין בארעכטיגונג פאר זייערע פראגראמען; מיר צו צושטעלן אינפארמאציע איבער די דאזיגע פראגראמען און מאכן די אפליקאציע פראצעדור גרינגער; צו פארבעסערן מיין געזונט, עדיוקעישאן, אדער וואוילזיין אויב איך בין שוין איינגעשריבן אין זייערע פראגראמען; און צו זיכער מאכן אז מיינע העלטקעיר געברויכן זענען נאכגעקומען געווארן.*
- *WIC פראגראם שטאב קענען נאכקוקן די אינפארמאציע וואס איך האב געגעבן צו זעהן אויב עס איז ריכטיג. זיי קענען זיך פארבינדן מיט מיין בעל הבית אדער אנדערע קוועלער פון מיין פארדינסט. זיי קענען באקומען מיין שטייער רעקארדס פון די NYS דעפארטמענט פון שטייער און פינאנס. ווען מען באשטימט אויב איך קען זיך באטייליגן אין WIC, וועלן זיי מיר נישט בעטן פאר אינפארמאציע פאר מער פון די 12 חדשים פארן זיך איינגעבן. אויב זיי זוכן צו זעהן אויב סיי וועלכע WIC געזעצן זענען פארלעצט געווארן, קענען זיי פארלאנגען אינפארמאציע פאר סיי וועלכע טערמין וואס איך האב באקומען WIC בענעפיטן.*
- *איך מוז לאזן וויסן פאר מיין WIC לאקאלע אגענטור אויב איך פלאן צו זיך אריבערצוציען מיין טעלעפאן נומער טוישט זיך, מיין פארדינסט טוישט זיך פאר סיי וועם אין מיין הויזגעזינט, אדער אויך איך וויל טוישן צו אן אנדערע WIC לאקאלע אגענטור.*
- *אויב איך זאג נישט די אמת אדער אויב איך האלט צוריק אינפארמאציע געצילטערהייט צו באקומען WIC בענעפיטן, קען זיין אז איך וועל דארפן צוריקצאלן די שטאט פאר די בענעפיטן פאר וואס איך בין נישט בארעכטיגט. איך קען אויך ווערן גענומען אין געריכט דורך די ניו יארק סטעיט אדער פעדעראלע אפיצירן.*
- *איך מעג זיך איינשרייבן נאר אין איין WIC פראגראם. איך באשטעטיג אז איך בין נישט יעצט איינגעשריבן אין אן אנדערע WIC פראגראם.*
- *WIC עסנווארג זענען נאר פאר איינגעשריבענע משפחה מיטגלידער. איך מעג נישט פארקויפן, אפערן צו פארקויפן, אדער אוועקגעבן WIC בענעפיטן אויף סיי וועלכע וועג.*
- *אויב מיין עסנווארג פעקל דארף זיך טוישן אדער אויפהערן פאר א קורצע צייט, וועל איך רופן מיין WIC לאקאלע אגענטור.*

איך ווייס אז די WIC לאקאלע אגענטור וועט ערמעגליכן פאר מיט העלט סערוויסעס און ערנערונג לערנען, און איך ווער געמוטיגט אנטיילצונעמען אין די סערוויסעס.

איך ווייס אז די געזעצן פאר בארעכטיגטקייט און אנטייל נעמען אין די WIC פראגראם זענען איינעג פאר אלע, נישט געוואנדן אויף ראסע, קאליר, נאציאנעלע אפשטאם, עלטער, הענדיקעפ, אדער מין.

← *ווייטער*

NEW YORK STATE | Department of Health

**פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג**

אויב אייער אפליקאציע פאר בענעפיטן איז געווארן אפגעזאגט אדער אייער בענעפיטן האבן זיך אויפגעהערט, האט איר א רעכט צו א יושר'דיגע הירינג. א יושר'דיגע הירינג איז א געלעגנהייט פאר אייך צו זאגן פאר א ריכטער פארוואס איר האלט אז דער באשלוס איז נישט ריכטיג. איר מוזט בעטן פאר א הירינג אינערהאלב 60 טעג פון ווען אייער אפליקאציע איז אפגעזאגט געווארן אדער מען האט אייך געזאגט אז אייער בענעפיטן וועלן זיך אויפהערן. אויב איר בעט נישט פאר א הירינג אינערהאלב די 60 טעג, פארלירט איר די געלעגנהייט פאר א יושר'דיגע הירינג.

א סערטיפיקעישאן טערמין איז ווי לאנג איר וועט באקומען WIC בענעפיטן אויב אייערע בענעפיטן הערן זיך אויף אימיטן א סערטיפיקעישאן טערמין און איר פארלאנגט א הירינג אינערהאלב 15 טעג, וועלן אייערע WIC בענעפיטן אנהאלטן ביזן באשלוס פונעם הירינג אדער די ענדע פון אייער סערטיפיקעישאן טערמין, וועלכע עס איז ערשט. בעט פאר א יושר'דיגע הירינג ביי אייער WIC לאקאלע אגענטור (שטאב וועלן אייך העלפן) אדער קאנטקאט די NYS WIC פראגראם:

פאסט: WIC Program Director
NYSDOH, Riverview Center
150 Broadway, 6th Floor
Albany, NY 12204

טעלעפאן: (518) 402-7093;
פעקס (518) 402-7348 אדער
אימעיל NYSWIC@HEALTH.NY.GOV

**דאס איז א באשטעטיגונג <u>אז איך האב אונטערגעשריבן אינעם קאמפיוטער סיסטעם</u> איידער איך האב באקומען מיינע WIC בענעפיטן:**

מען האט מיר געלאזט וויסן איבער מיינע רעכטן און פאראנטווארליכקייטן אונטער די WIC פראגראם. איך באשטעטיג אז די אינפארמאציע וואס איך האב צוגעשטעלט פאר מיין בארעכטיגונג באשלוס איז גאנץ און ריכטיג ווי ווייט איך ווייס. די אינפארמאציע ווערט געגעבן צו קענען באקומען WIC בענעפיטן און איך פארשטיי אז די שטאטישע אדער לאקאלע WIC אגענטור אפיצירן קענען נאכקוקן די אינפארמאציע אויב עס פעהלט אויס דורך זיך פארבינדן מיט מיין בעל הבית אדער אנדערע קוועלער פון מיין פארדינסט, און/אדער דורך באקומען מיין שטייער רעקארדס פון די NYS דעפארטמענט פון שטייער און פינאנס. איך גיב ספעציפישע ערלויבעניש צו ארויסגעבן מיינע שטייער רעקארדס פון די NYS דעפארטמענט פון שטייער און פינאנס פאר דעם ציל, וואס קען אריינרעכענען געוויסע ארבעט אינפארמאציע וואס ווערט געגעבן צום ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייער און פינאנס דורך ארבעטס-געבער אין פארבינדונג מיט די נייע-ארבעטער און געהאלט באריכטן אינפארמאציע. איך פארשטיי אויך אז בכוונה'דיגע מיס-פארשטעלן קען מיר אויסשטעלן צו ציווילע אדער קרימינאלע פראסעקיושאן אונטער שטאטישע און/אדער פעדעראלע געזעץ. בכוונה'דיגע מיס-פארשטעלן רעכנט אריין, אבער איז נישט באגרעניצט צו, ווילנדיגע פעלש, באהאלטן אדער אויסלאזן הויזגעזינד פארדינסט, צאל פון הויזגעזונד מעדיצינישע אינפארמאציע, מעדיקעיד סטאטוס און וואוינארט. איך פארשטיי אויך אז מאכן פאלשע אדער פארפירנדע דערקלערונגען אדער מיס-פארשטעלן, באהאלטן אדער אויסלאזן פאקטן קען פאראורזאכן אז איך זאל זיין דיסקוואליפיצירט און איך קען דארפן צוריקצאלן די דאלער ווערט פון WIC בענעפיטן וואס איך האב אומריכטיג באקומען, נישט געוואנדן אויב איך האב יא אדער נישט געמיינט צו באקומען די בענעפיטן אומריכטיג. צום שלוס, איך פארשטיי אז איך מעג זיך איינשרייבן נאר אין איין WIC פראגראם. איך באשטעטיג אז איך בין נישט יעצט איינגעשריבן אין סיי וועלכע WIC פראגראם. איך בעט אז מען זאל מיר היינט צושטעלן בענעפיטן.

לויט די פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעץ און די S.U. דעפארטמענט אוו אגריקולטור (U.S. Department of Agriculture, USDA) ציווילע רעכטן רעגולאציעס און פאליסיס,איז די אינסטיטוציע פארבאטן צו דיסקרימינירן באזירט אויף ראסע, קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, מין (אריינגערעכנט דזשענדער אידענטיטעט און געשלעכטליכע אויסשטעל), דיסאביליטי, יאראגאנג, אדער שטראף אדער נקמה פאר פריערדיגע ציווילע רעכטן שריט.

פראגראם אינפארמאציע קען זיין אוועילעבל אין אנדערע שפראכן אויסער ענגליש. מענטשן מיט דיסאביליטיס, וואס פאדערן אנדערע מיטלען פון קאמיוניקאציע צו באקומען פראגראם אינפארמאציע (צ.ב. ברעיל, גרויס דרוק, אודיאטעפ, אמעריקאנער צייכן שפראך), זאלן זיך פארבינדן מיט די פאראנטווארטליכע סטעיט אדער ארטיגע אגענטור וואס געבט דער פראגראם אדער USDA'ס TARGET סענטער אויף 720-2600 (202) (רעדן און TTY) אדער ארבינדט זיך מיט USDA דורך די פעדעראלע רילעי סערוויס אויף 877-8339 (800).

צו פיילן א פראגראם דיקסרימינירונג קלאגע, זאל א קלעגער אויספילן פארעם AD-3027, USDA פראגראם דיסקרימינאציע קלאגע פארם וואס קען געפונען ווערן אנליין ביי: **https://www.usda.gov/sites/default/files/documents/USDA-OASCR%20P-Complaint-Form-0508-0002-508-11-28-17Fax2Mail.pdf**, פון סיי וועלכע USDA אפיס, דורך רופן 632-9992 (866), אדער דורך שרייבן א בריוו אדרעסירט צו די USDA. די בריוו מוז ענהאלטן דער קלאגער'ס נאמען, אדרעס, טעלעפאן נומער, און א שריפטליכע שילדערונג פון די געקלאגטע דיסקרימינאטארי שריט אין גענוג איינצלהייטן צו מעלדן פאר'ן אסיסטענט סעקרעטערי פאר ציווילע רעכטן (Assistant Secretary for Civil Rights, ASCR) איבער די נאטור און דאטום פון די געקלאגטע ציווילע רעכטן פארלעצונג. די אויסגעפולטע AD-3027 פארם אדער בריוו מוז ווערן אריינגעגעבן צו די USDA דורך:

(1)פאסט: U.S. Department of Agriculture
Office of the Assistant Secretary for Civil Rights
1400 Independence Avenue, SW
Washington, D.C. 20250-9410;

(2) פאקס: 256-1665 (833) אדער; 690-7442 (202) אדער

(3) אימעיל: program.intake@usda.gov.

די אינסטיטוציע שטעלט צו גלייכע מעגליכקייטן.

פאר אנדערע קלאגעס אדער צו פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג פארבינדט זיך מיט:

(1) פאסט: WIC Program Director
NYSDOH, Riverview Center
150 Broadway, 6th Floor
Albany, NY 12204; אדער

(2) טעלעפאן: 402-7093 (518); פאקס 402-7348 (518); אדער

(3) אימעיל: NYSWIC@HEALTH.NY.GOV